יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען

היינט 14 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 52 | Łódź, Czwartek, 1 marca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, י״ד אדר תרצ״ד | № 52

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

נוצט אויס די רעקלאמע

וואס די איינציגע יודישע ליקיער=פאבריק — אין לאדז — „BACHUS"

לכבוד פורים ארדענט איין היינט, דאנערשטאג, ד. 1-טען מערץ לכבוד פורים

א שפאט ביליגען פרייז פאר דעם נייעם ארויסגעגעבענעם ליקיער אונטערן נאמען „KIDUSZ" 33%

וועלכער פארטרעט מיט זיין גוטען און שמאקהאפטען קוואליטעט די בעסטע אויסלענדישע פאבריקען מיט פאלגענדען פרייז:

פאר א 1/1 ליטער 6.50 זל. פאר א 1/2 ליטער 3.40 זל. פאר א 1/4 ליטער 1.80 זל.

צו בעקומען אין די פאלגענדע ווייז- און שפריט-געשעפטען:

E. Szykier, Północna 1
J. M. Gutter, Nowomiejska 19
M. Borensztajn, Nowomiejska 30
H. Liberman, Północna 10
M. Lipskier, Cegielniana 5
Ch. Blankiet, Główna 69
M. Landau, Zgierska 64
Ch. M. Brystowski, Brzezińska 9
G. Lippel, Stary Rynek 8
F. Hercberg, 6-go Sierpnia 43
S. Szajnbajn, Nowomiejska 27
„Viktual", Piotrkowska 64
Sz. Karo, Piotrkowska 23
M. Grundman, Zgierska 10
Bar „Gutman", Plac Wolności 11
J. Rubinsztajn, Południowa 32
E. M. Sawicki, Brzezińska 21
Bar „Gastronomja", Piotrk. 45
Sz. Frajman, Zawadzka 6
A. Brzeziński, Narutowicza 31
R. Bursztyn, Zielony Rynek 3
A. Krell-Rotenberg, Łagiewnicka 7
M. Fogelman, Cegielniana 10
M. Alter, Zawadzka 10
S. Sztrausman, Główna 63
A. Kaszuński-Bieżuński, Lutomierska 18

בעמערקונג: געדענקט, אז נאר היינט וועט איהר בעקומען צו דעם פרייז.

געדענקט!

פרעהליך זיין היינט איז אוונד קען מען נאר אין

„טאבארין"

פרטים זעה זייט 12.

BROWAR I FABRYKA KWASU WĘGLOWEGO

SUKCESORÓW K. ANSTADTA Spółka Akcyjna

tel. 122-31

Łódź, Pomorska 34/36.

עמפפעהלט אויף פורים איהרע פיינע קוואליטעטס=בירען: Jasne-wyborowe

און ביעריש, דונקעלע זיס ביער

בעמערקונג: מיר בעטען די ג׳ קונדשאפט, אז זיי זאלען ביים איינקויף אכטונג געבען אויף אונזער פירמע. אלע אונזערע פעסלעך ביר זענען מיט אונזערע איינגעברענטע פירמע בעצייכענט.

לכבוד פורים

איז דאס שענסטע שלח=מנות א גוט פלעשעל ביר און פארטער

פון דער וועלטבעריהמטער ביר=ברויעריי

OKOCIM

עמפפעהלט: — צו פערלאנגען אין אלע רעסטאראציעס און פיוויארניעס — עמפפעהלט:

Rep. Browaru OKOCIMSKIEGO, Łódź, Zachodnia 2/6 tel. 136-98.

A[illegible]ANCIO, RUMBA, PERŁA LEŚNA, WODA GÓRSKA, LEMONIADA

פאדערט איבעראל!

בעמערקונג: מיר עמפפעהלען דאס געשמאקהאפטע בעוואוסטע געטרענק

פאדערט איבעראל!

# פיניעלע מזיק

## רעכנט זיך אפ מיט המנ'ען



יאטן און יאטעלעך. היינט איז אינדזער יאנטיף. גאטן זענע מיר אלע געווען אין אלטשטעטישן בעשמעדריש און מיר אבן געטעראפענצעווע מיט די דומעקלאפערס או ס'אט זיך באר אזוי געקורושעט!

האנט איז פירים, דארף מע זיך פערשטעלן. מעמער זיך אנטין מאזשגים און מעט שפילן אכישווייריש. די גרויסע יאטן פון ווילקע ניין אין א מאזשגע פון א קבאלסטער. א צווייטער גייט א מאזשגע פון א דאזארצע פון דער קילע. א דריטער גייט אין א מאזשגע פון א באסקען לייטווייס האקנאל. א פיארטער גייט אין א מאזשגע פון א פערואריגער — די ווילקער יאטן טרוגן מאזשגעס א גאנץ יער, און מיר יאטן, פון שמולן געסל, עלען האנט פירים, אנטון מאזשגעס, מיר עלן זיך פערשטעלן און מיר עלן שפילן אכישווייריש.

איך פיניעלע על שפילן די ראלע פון אכישווייריש. על איך דעם הומיגען דערציילען די מאנסע פון שוויגער. אי, עט דער פענטאק, הומין, בא מיר הענגען! ווי א גראף עט ער בא מיר הענגען!

באך א זאך דאפט עז, יאטן גערענקען: נישט צו טרוגן שלאכמונים קא ווילקע, די ווילקער זענען נישט שוואך אליין צו טרוגן שלאכמונים. מיר עלן טרוגן שלאכמונים באר אין שמולן געסל.

גערענקן יאטן, או האנט איז אונדזער יאנטיף דער יאנטיף פון שמולן געסל!

---

## פארלעזונגען

אין „זשעטעקא" (געזעלשאפט פאר חתנים־און כלות־קענטשאפט) ועט פארקומען א ציקל פארלעזונגען אויף פאלגענדע טעמעס:

היינט פירים „יזהאס חכמה און דלפונ'ס הצלחה" רעפער. ה' גרעזערקאוויטש.

קומענדיגען שבת — „פערחלומ'טע הויזעירקנעפלעך" — רעפער. משה בראהאווקע.

זונטאג — „שטילע קאנע־וועהען" — רעפער. איציק לאנגער.

דינסטאג — „געטליכע שקארפעטקעס" — רעפער. וויזאיזמירקאווסקי.

דאנערשטאג — „די הימלישע פאושאנע קישקע" — רעפער. ד"ר בענקעל.

פרייטאג־צו־נאכט — „סימבאלישע געהאקטע ארץ ישראל ציבעלעס" — רעפער. דירעקטאר פערלקאשע.

שבת צו נאכט — „גין־גאלדענע גאטקעס". רעפער. גראף קאל.

זונטאג — „טעאטער דאט בין איך". רעפער. ד"ר פאלען.

מאנטאג — „איך זוך א רעפערענט", רעפער. ווניצע־פריזעס זיידענצייג.

# פורים־הימן

## וואס גראף קאלי וועט זינגען היינט אויפ'ן פורים־באל אין „טאבארין"

אויפ'ן היינטיגען פורים־באל אין „טאבארין" וועט זיין ליהודים, מ'וועט וועהלען א „מיס פורים". וושתי וועט פלירטעווען מיט ווזתא'ן, מרדכי וועט בעהמען א הלוואה ביי דלפונען, די הויפט־אטראקציע וועט אבער זיין דער גראף קאלי, וועלכער וועט קומען פערזענליך מיט זיין סוויטע אין גאלא־קליידונג. נאך האלבער נאכט וועט אונזער גראף זינגען דעם ביישטען שלאגער — דעם פורים־הימן:

הערט אויס מיינע ברידער, פערנעמט מיינע דיבורים.
די רייד פון א דיכטער אין היילינען פורים.
דאס זאגט איך גראף קאלי דער פרעכטיגער שרייבער
וואס זינגט פון קארטאפעל פון זאקען און ווייבער.
דו מוזט דאך, אוי מאסקע, געפעלען א פאעט,
דו געהסט דאך האלב נאקעט אין ביוט אויך זעהר פעט
דיין האלז ער איז ברייט אזוי ווי א ראד
פון מויל קען מען מאכען א מרחץ א באד
סיראלעטעל פערשטעלט דאך איינגאנצען דיין נאז
דאך בין איך מיך משער או זי האלט אויך די מאס.
יעדים האסטו דאך אזוי ווי די ריזען
געפלעגט פון קארטאפעל און אנדערע געמיזען -
היינט צעפלעך האסטו אזוי ווי די פלאקסען,
די דארפסט זיי בישט קעמען — זיי וועלען שוין וואקסען.
אזוי ווי איך האב באר דערפיהלט אך דיין בלוזע
האט היכף צעשפילט זיך מיין דיכטערישע מוזע,
אך, שעהן ביזט דו ליבסטע ווי קוקורוזע,
געבענטש זאלסטו זיין מיין וועגוס, מיין נימפע,
„פערדיכטען זי ביטע ביי מיר מיינע שטרימפע"....

# היינט איז פורים!...




אין א שיכורן צושטאנד האט ער אויסגעקויפט א וועקסעל...

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 52
דאנערשטאג, דעם 1 מערץ 1934

## לכבוד פורים

# דער קאמף ארום דעם „המן־טאש"




ערב די וואהלען צו דער האנדווערקער־קאמער...

